וואונדערליכע רעטניסע

מיט

זייערע בעשיידונגען

פערפאסט פאן

מ. קריווין.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

166

ווילנא

שנת תרנ"ד לפ"ק

וואונדערליכע רעטניסע

מיט

זייערע בעשיידונגען

פערפאסט פאָן

מ. קריווין.

ווילנא

שנת תרנ"ד לפ"ק

ВУНДЕРЛИХЕ РЕТЕНИСЪ.

Удивительные загадки. Соч. М. Кривина.

Соб. Изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ д. № 1195/6 1894 г.

Дозволено цензурою. Кіевъ, 5 Мая 1894 г.

3 וָואס אִיז פְרִיעֶר בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, דִיא בָּארְד אָדֶער דֶער מֶענְשׁ ?

4 וָואס וֶועט זַיין מָארְגִין, אוּנ וָואס אִיז גֶעוֶועזִין גֶעסְטֶערְן ?

5 וֶוען אִיז אַפּוּקְס, אַפּוּקְס ?

6 וֶוער זַיינֶען דִיא דְרַייא מֶענְשִׁין, וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעשְׁפִּילְט אַגַאנְצֶע נַאכְט, אוּנ אַלֶע דְרַייא הָאבֶּען אויסגֶעשְׁפִּיעלְט ?

7 אִין וָואס זַיינֶען צְווִיסֶען זִיךְ עֶהְנְלִיךְ אַנְ אַדְוָואקַאט, מִיט אַרָאד פוּן אַוָואגִין ?

8 וֶוען אִיז אַזַאיַאץ (אַהָאז) זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק ?

9 וָואס בְּרֶענְט פִיר דֶער רֶעגִירוּנְג, פִיר הַאנְדֶעלְס לַייטֶע אוּנְד פִיר צַאסְטְנֶע מֶענְשִׁין ?

10 וָואס הָאט נִיט קַיין קֶערְפֶּער, אוּנ מִיא קָאן עֶס זֶעהֶען ?

11 וָואסֶערֶע אוּנְפֶּערְהִיטֶענְדִיגֶע קֶעפְּף, זִינְד זֵייעֶר נִיטְצְלִיךְ דֶער וֶועלְט ?

12 וָואס אִיז עֶס אַזֵיינְס ? — דֶער טוּיבֶּער הָאט גֶעהֶערְט, ווִיא דֶער שְׁטוּמֶער הָאט עֶרְצֶעהְלְט, אַז דֶער בְּלִינְדֶער הָאט גֶעזֶעהֶן לֵייפֶּענְדִיג אַהָאז; דֶער קְרוּמֶער הָאט זִיךְ נָאךְ אִיהם נָאךְ גֶעיָאגְט; אוּנְד דֶער הֵיילֶער הָאט אִיהם אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין קֶעסֶענֶע אוּנְד הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט אַהֵיים.

13 וָוארוּם בְּשַׁעַת דֶער הָאן קְרֵייעֶט , מַאכְט עֶר צוּ דִיא אוֹיגֶען ?

14 אִין וָואס פַאר אַעֶרְד זֵייט מֶען רִיבְּן ?

15 [illegible] ר אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן , אוּנְד לֶעבְּט נָאךְ ?

16 וֶועלְכֶע מֶענְשִׁין זַיינֶען אַלֶע מָאהל פְרַייא פוּן גֶעסְט ?

17 וָואס אִיז צוּם טִישׁ זֵייעֶר נֶעהְטִיג ?

18 וואו קוּמְט אוֹים וַויין זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק ?

19 וֶוער הָאט אִין דֶער פְרִיא פִיעֶר פִים , הַאלְבֶּען טָאג צְוֵוייא , אוּנְד פוּן אָוֶוענְט דְרַייא ?

20 וָואס קָאן מֶען זֶעהֶען , אוּנְד נִיט אָנְנֶעמֶען ?

21 וֶוער קָאן שְׁפְּרֶעכְן , אוֹיף אַלֶערְלֵיי שְׁפְּרַאכֶען ?

22 וָואסֶער גֶעגֶענְשְׁטַאנְד , וֶועלְכֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דֶער פְרַייֶער לוּפְט קָאן בֶּעלַייכְטְן דִיא זוּן ?

23 וָואס מַאכְט אוּנְז אִין פְרִיהלִינְג פְרֶעהלִיךְ , אוּם זוּמֶער לוּפְטִיג , אִין הֶערְבְּסְט שְׁפַּייזְט עֶס אוּנְז , אוּנ ווִינְטֶער וַוארֶעמְט עֶס אוּנְז ?

24 וֶועלְכֶער גֶעגֶענְשְׁטַאנְד אִיז טוֹידְט , נָאר אַז מִיא שְׁלָאגְט אִיהם שְׁרַייט עֶר ?

25 וָואס פֶערְשַׁאפְט נִיט קַיין וֶוייטָאג קַיין טְרוֹיעֶר ,
אוּנְד בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ טְרֶעהרִין ?

26 וואוּ הָאבֶּען דִיא יַמִים אוּנְד טַייכֶען קַיין וַואסֶער
דִיא שְׁטֶעדְט אוּנְד דֶערְפֶער — קַיין הַייזֶער , אוּנְד
דִיא פֶעלְדֶער — קַיין פְרוּכְט ?

27 וָואס אִיז קַאלֶעכְדִיג אוּנְד קְלֶעהן , אוּנְד וַוייזְט
אוּים אַלֶעמֶען שֶׁעהן ?

28 וֶועלְכֶע אַייזְל הָאט גֶערֶעט מִיט אַיין מֶענְשֶׁען
שְׁטִימְמֶע ?

29 אוֹיף וָואסֶער גֶעגֶענְשְׁטַאנְד טְרוּיט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ
זֶעהֶער אָן ?

30 וָואס קָאן מֶען גֶעבִּין אֵיינֶעם אִין הַאנְט , אַז דִיא
אִיבֶּערִיגֶע זָאלֶען עֶס זֶעהֶען , אוּנ דֶער וֶועמֶ׳ן
מֶען גִיט זָאל עֶס נִיט זֶעהֶען ?

31 וָואסֶערֶע מֶענְשֶׁען רוּפֶען בַּייא זֵייעֶר אַמְט
(דִיעֶנְסְט) נִיט אָן דֶעם צְוֵוייטֶען מִיט זַיין נָאמֶען ?

32 וָואסֶערֶע מֶענְשִׁין עֶרְלוֹיבִּין מִיא זָאל אִיבֶּער זֵיי
אוּמְגֶעהֶען , אוּנְד זַאיינֶען גֶעזוּנְדְט ;

33 וָואסֶערֶע פְּלַייִם אִיז גֶעשְׁמַאקֶער פוּן אַלֶע ?

34 וָואס אִיז לַייכְטֶער אַז אַלֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט ?

35 אוֹיף וָואס קוּקְט מֶען אוּנ מֶען זֶעט דָאס נִיט ,
אוּנ אַז מֶען קוּקְט נִיט זֶעט מֶען עֶס ?

36 וָואסֶערֶע וַואסְסֶער אִיז בֶּעטָ־אגֶענְד ?

37 וָואס הָאט דֶער מֶענְשׁ זֵייעֶר פִיל אוֹיף דֶער וֶועלְט ?

38 וֶוען אִיז אַנַאר קְלוּג ?

39 וָואס טוּט זִיךְ מִיט יֶענֶער גֶעגֶענְשְׁטַאנְד — וֶועלְכֶע לֶעבְּט אוֹיף דֶער עֶרְד, שְׁווִימְט אוּם אִין וַואסֶּער, פְלִיט אִין דֶער לוּפְט — בִּיז מִיא בֶּעעֶרְדִיגְט אִיהם ?

40 וָואס וַוארְפְט דֶער אָרִימַאן אַרָאפּ אוֹיפְן פַאדְלָאגֶע אוּנ דֶער פָאהְרְנֶעמֶער מַאן קְלַייבְּט עֶס אִין קֶעסֶענְיֶע ?

41 וִויא שְׁטֶעהֶען פִיר בְּרִידֶער אוּנְטֶער אֵיין דַאךְ ?

42 וָואסֶער פֶעלְד שְׁנַייד מֶען אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאהר, אוּנ זִיא וַואקְסְט וִויעדֶער אָפּ ?

43 וָואסֶער מֶענְשׁ בְּרֵיינְגְט נָאךְ זַיין טוֹיט, מֶער נוּטְצֶען, וִויא פִיר זַיין לֶעבֶּען ?

44 וֶוער אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ אִיז טוֹיט ?

45 וואוּ, שְׁפְּרֶעכְן דִיא בֵּיימֶען — אוּרְטְהֵיילִין דִיא פֵייגֶעלֶע בְּרוּמְמֶען זִיךְ קֶעטְץ, אִינְד עֶס רַאטְהֶען אַלְלֶער הַאנְד טְהִירֶע ?

46 פיר וָואסֶער מֶענְשֶׁען אִיז נִיטָא קֵיין שְׁטַארְקֶערֶער אויךְ קֵיין טַאפְּפֶערֶער ?

47 וֶוער אִיז קְלֶענֶער, אָרִימֶער אוּנְד בֶּעדַייטֶעט גָאר נִיסְט עֶנְטְקֶעגֶען זַיינֶע בְּרִידֶער; גָאר עֶר מַאכְט זֵיי רַייכֶער אוּנְד גְרֶעסֶער ?

48 וֶוער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט גֶעוויין, אוּנְד שֵׁיידֶעט זִיךְ אָפּ מִיט טְרֶערִין; אוּנְד דִיא גְרֶעסְטֶע טְהֵייל פוּן זַיין לֶעבְּן פֶער בְּרֵיינְגְט עֶר אִין טְרוּיעֶר ?

49 וָואסֶער לֶעהְרֶע אִיז שְׁוֶוערֶער פוּן אַלֶע ?

50 וָואס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער שַׁאטְץ (אוֹצָר) ?

51 אַז אֵיינֶער גֶעהט אַרוּים דוּרְךְ דֶער טִיר, וָואס אִיז בַּא אִיהם אויף דֶער רֶעכְטֶער הַאנְט ?

52 וֶוער וֶוערְט בַּאשְׁטְרָאפְט מִיטְן טוֹיט, וֶוען עֶר אוּסְפֵּייעט נִיט צוּ עֶנְטְלֵייפֶען ?

53 וָואס קָאן מֶען נִיט קוֹיפְן נִיט פַאר קֵיינֶע גֶעלְט, אויךְ נִיט פֶער קֵיינֶע אוֹצְרוֹת ?

54 וָואס, קָאכְט דִיא זוּן, דִיא הֶענְט נֶעמֶען עֶס אַרָאפּ, דִיא פִיס טְרֶעטִין עֶס, אוּנ דִיא מוֹיל גֶענִיסְט עֶס ?

56 וֶוען הָאט דָאס פֶערְבְּרֶענְטֶע גִיבְּרֶענְט, אוּנְד עֶס אִיז נִיט צוּ בְּרֶענְט גֶעוָוארִין ?

(רעטניסע)　　　　　　ווען

56 ווען האט דיא זון געזעהן דיא ערד, וועלכע זיא
האט קיין מאהל ניט געזעהען, אונד אנגעהאקטער,
האט צוא האקט אויף צוויא העלפט אזא זאך
וועלכע מען צוא האקט קיין מאהל ניט.

57 ווער זינד פערארטהיילט צום בעדינען; טאג
אונד נאכט שטעהען זיי אויף פיר פיס; נאר
אלעם זיי דארפן אראפ געהען פון ארט, בראוכן זיי
נאך צוויי פיס וועלכע זאלין זיי פירן.

58 ווער שפייזט זיך מיט דער לופט וויא איין טהיער,
נאר ער איז ניט קיין טהיר?

59 וואו איז זייער פינסטער בעת עס איז ליכטיג;
ווארעם בעת עס איז קאלט; קאלט בעת עס
איז ווארעם?

06 אן וועלכער זאך עסט מען וועהניג; נאר דאס אליין—
קיין מאהל?

61 פון וועלכער זאך קומט ארוים אצווייטע, אונ
פון דער צווייטער דיא ערשטע וויעדער; דאס
ערשטע קאן אנרופן דער צווייטער טאכטער, אונ
דיא צווייטע דער ערשטער מוטטער?

62 מיט וואס פאנגט זיך אן דער „טוידט“ אונ מיט וואס
ענדיגט ער זיך?

63 וֶועלְכֶער בוים הָאט צְוֶועלְף צְוַוייגִין, אוּנ אוֹיף יֶעדֶער צְוַוייג צוּ פִיר צְוַוייגֶעלֶעךְ, אוֹיף יֶעדֶער צְוַוייגְל צוּ זִיבֶען בְּלֶעטְלֶעךְ; אוּנ זִיא וַואקְסְט אַלֶע מָאהל כִבְעט אַלֶעס אֵיינְס ?

64 וֶוער בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּא טְרֶערִין, נִיט אָנְרִירֶענְד דִיא זֶעלֶע ?

65 וֶועלְכֶע צְוַואנְצִיג אַכְט הֶערְרִין, וֶועלְכֶע עֶסִין נִיט קֵיין בְּרוֹיט, טְרִינְקֶען קֵיין וַואסֶער, אוּנְד בְּרָאוּכְן נִיט קֵיינֶע זַאכְן; אוּנְד הֶערְשִׁין מִיט פִילֶע מֶענְשִׁין ?

66 וֶוער זֶעט אִין פְּרֶעמְדֶע אִינְטֶערֶרְעסְסֶע גַאנְץ וַוייט אוּנ אַרוּם זִיךְ גָאר וֶועהְנִיג ?

67 וֶוער קָאן אוֹיף דֶער הוֹילֶער עֶרְד גַאנְץ רוּהִיג שְׁלָאפֶען ?

68 וֶועלְכֶע וַואסֶער גְרֵייכְט פוּן דֶער עֶרְד, אוֹיף דֶעם הִימְמֶל ?

69 וֶועמֶעס טוֹיט, הָאט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט בֶּעוֵויינְט ?

70 דֶער פָּאטֶער אִיז נָאךְ נִיט אַרוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּנ דֶער זָאהן אִיז שׁוֹין אוֹיפְן דַאךְ.

71 וָואס פַאר אוּנְטֶערְשֵׁייד, אִיז צְווִישְׁן אַטְרַאקְטִיר אוּנְד אַפַּאפִּיער פַאבְּרִיק ?

72 וָואס אִיז טַייעֶרֶער אַז גֶעלְד, אוּנ עֶהְרֶע ?

73 וֶוער לֵיט רִבְּט אָפּ פוּן אַוִוינְד, אוּנְד לֶעבְּט פוּן פְּרִיכְּאַרְגֶען ?

74 צוא וָואס טְרָאגֶען דִיא מִילְנֶער וַוייסֶע הִיטְלֶען ?

75 וֶוער אִיז עֶהרֶענְלִיבְּלִיכֶער פוּן אַלֶעמֶען ?

76 וֶוען וַואהר זָא אַיין גְרוֹיזַאמְמֶער מָארְדְשְׁלַאג (רְצִיחָה), אַז מִיא הָאט אוּים גֶעשְׁלָאגֶען אַגַאנְצֶע פֶערְטִיל וֶועלְט ?

77 וֶועלְכֶע מוּטְטֶער זֵייגְט עֶטְלִיכֶע טֶעכְטֶער מִיט מִיט אֵיין מָאהל ?

78 וָואס פַאר אַיין לֶעבֶּעְדִיגֶע זַאךְ אִיז נִיט גֶעוֶועזֶען בַּא נח'ן אִין קַאסְטִין ?

79 וֶועלְכֶע וַוין אִיז זֵייעֶר זִים אוּנְד גֶעשְׁמַאק ?

80 וָואס וֶוערְט פוּן פַייעֶר גֶעבָּארֶען, אוּנְד דוּרְךְ פַייעֶר פֶערְלָארֶען ?

81 וֶוער קָאן פְלִינְק פָארְשְׁטֶעלִין אַמֶענְשִׁין, אוּךְ אַנְדֶערֶע גֶעגֶענְשְׁטֶענְדֶע, דָאךְ אָן פַארְב; דַאצוּ נָאךְ אִין אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק ?

82 וֶועלְכֶע צֵיינֶער בַּייסִין נִיט אוּנְד עֶסִין נִיט ?

83 וֶוער גֶעהֶעט שְׁטֶענְדִיג, אוּנְד גֶעהט נִיט אַרָאפּ פוּן אָרְט ?

84 וֶוער הָאט קֵיינֶע פִיס אוּנְד גֶעהט אוּם — אוּנְד אוּם הֶערוּם ?

(רעטעניסע) וועמען

85 וָועמֶען עהרֶען עֶרְוַואַקְסֶענֶע, אוּנְד — הָאבִּין פוּרְכְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער ?

86 וָועמֶען זָעט קֵיינֶער נִיט, נָאר אַלֶע הֶערֶען אִיהם ?

87 אָן וָואס בּרֶענְט מֶען זִיך אָפּ, אָבְּוָואהל עֶס אִיז נִיט קֵיין פַייעֶר ?

88 וֶוער אִיז מִיט אָהרֶען, אוּנְד הֶערְט נִישְׁט ?

89 וֶוען עֶסְט דֶער מַאן גוּט ? וֶוען עֶסְט דִיא וַוייבּ גוּט ? וֶוען עֶסֶען בֵּיידֶע גוּט ? אוּנ וֶוען עֶסֶען בֵּיידֶע שְׁלֶעכְט ?

90 פֶער וָואס הָאט לוֹיט ס וַוייבּ גֶעשְׁוַואלֶעוֶועט דִיא אוֹרְחִים זַאלְץ דַוקָא ?

91 פוּן וַואנֶעט אִיז גֶעדְרוּנְגֶען, אַז בֶּעפָאהר מֶען גִיט אַחְתָן אַכַּלָה זָאל מֶען אִיהם פֶערְהֶערִין ?

92 וָוארוּם וַואקְסְט בַּא פְרוֹיעֶן קֵיין בָּארְד ?

93 אִין וָואסֶער מָאנְהַייט, רֵיידִין דִיא פְרוֹיעֶן, וֵוייניגֶער וִויא אַלֶע ?

94 וָואס זָאגִין וַוייבֶּער נִיט אוֹיס ?

(רעטעניסע) וואָרום

95 וָוארוּם לֵייגְט מֶען אַקִיטְקָע אַחָתָן עֶנְטְקֶעגִין ?

96 וָוא״זֶם רוּפְט מֶען אַשְׁוִויגֶער פָּאטֶער „שְׁוֶוער״ ?

97 פוּן וַואנֶען שְׁווִימְט אַיין עֶנְטִיל ?

98 וָואס אִיז בַּא אַגְרוֹיסֶער מוֹיד ?

99 מִיט וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִיא עֶרְד ?

100 וָואס אִיז אוּנְטֶער אַהֶעמִד ?

101 פַאר וָואס מַאכְט מֶען נִיט אַיין אוֹיבִּין פוּן פוּטֶער ?

102 וָואס וֶוערְט אַבָּאק נָאךְ זִיבֶּען יָאהר ?

103 פַאר וָואס בֶּענוּצְט מֶען בַּא דֶעם מְקַבֵּר זַיין אַמֶת צְוֵייא שְׁטֵיינְגְלֶעךְ, אוּנ בַּא אַחוּפָּה פִיער שְׁטֵיינְגְלֶעךְ ?

104 וָואס אִיז אוּנְטֶער אַפּוּפִּיק ?

105 וָואס אִיז אוּנְטֶער אַפֶּערֶענֶע ?

106 וָוארוּם אִיז אַטְשְׁארְלֶע, אוֹיבִּין בְּרֵייט אוּנ אוּנְטֶען שְׁמָאל, זִיא הָאט דָאךְ גֶעקָאנְט זַיין אוּנְטִין שְׁמָאל אוּנ אוֹיבִּין בְּרֵייט ?

107 וִויא הָאט מֶען גֶערוּפֶען פַּרְעה ס פֶערְד ?

108 אַז מ׳א עֶסְט אויף אַבֵּייגִיל וואו בְּלַייבְּט דיא לָאךְ?

109 פַאר וָואס בְּלָאזְט זִיךְ אַיין עֶנְדִיג, אונ אַנַאנְדְזֶער נִיט?

110 אַז אָדָם אוּנְד חַוָּה פְּלֶעגִין גֶעהֶען אִין מֶרְחָץ, וֶוער פְלֶעגְט זֵייא הִיטִין דיא זַאכִין?

111 וִויא אִיז דֶער דִין — אַז אַכֵּהֶן פֶערְלִירְט אַבֵּייטִל מִיט גֶעלְט אויפִין בֵּית עוֹלָם, צוּא מָאג עֶר זִיא גֶעהֶען אויף הֵייבָּען?

112 מִיא עֶרְצֵיילְט אַז אַמָאל אִין אַקְלֵיין שְׁטֶעטְדְטִיל גִיוֶועזִין אַמִנְהָג אַז מֶער וִויא שַׁבָּת אִין דֶער פְרִיא פְלֶעגְט מֶען נִיט גֶעהֶען דָארְטִין אִין שׁוּהל דַאוְונֶען; הַיינְט וֶוען פְּלֶעגְט מֶען דָארְטִין אַרוּים נֶעהמֶען דיא גֶעלְט וֶועלְכֶע קְלַייבְּט זִיךְ אָן אִין קוּפָּה שֶׁל צְדָקָה?

113 עֶס וֶוערְט גֶעבְּרַאכְט אִין פִּילֶע עֶרְטֶער, אַז דָאס רוב שְׁטַארְבִּין דיא פְרויעֶן פְרִיעֶר אַז דִיא מאנֶען, מַחמַת חַוָּה הָאט פְרִיעֶר גִיגֶעסִין פוּן דֶעם עֵץ הַדַעַת וִויא אָדָם הָרִאשׁוֹן; וִויא וָואלְט זַיין אַז חַוָּה

וָואלְט נִיט גִיגֶעסִין פוּן דֶעם עֵץ הַדַעַת, וֶוער וָואלְט דַאן פְרִיעֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען?

114 אוּנְזֶערֶע כִּתְבֵי קוֹדֶשׁ שְׁרַייבִּין, אַז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל פְלֶעגְט נִיט טָארִין אַרַיין גֶעהְן אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים חוּץ אוּם עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר; הַיינְט וִויא פְלֶעגְט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אַרָאפּ נֶעמֶען אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב דֶעם פָּרוֹכֶת פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ?

115 וֶועלְכֶער מֶענְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַואר גְרִינְגֶער פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁין?

116 וֶוער וֶועט דָאס זַיין? — אַזָאהְן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין, אוּנ אִיז נִיט מַיינֶער קֵיין בְּרוּדֶער?

117 וֶוען קְרֵיינְקְט אַדָאקְטֶער?

118 וֶוען פָארְט אַפֶּערְד?

119 וָואס טוּט מֶען אַז עֶס אִיז קָאלְט?

120 וָואס פַאר אַרַאזְנִיצָע אִיז צְווִישִׁין אַמֶענְטְשָׁען אוּנ אַזָאלָאטְנִיק?

121 וואוּ שְׁטֵייט אִין בַּאווֶגֶען דֶער וָוארְט יָדְן?

(רעטעניסע) דיא

122 דִיא װעלְט זָאגְט, אַז דֶער פוּרְמַאן װעלְכֶער פָארְט אִיבֶּער דִיא דֶערְפֶער, בְּרוֹיכְט גאר קַיין לֵייצָעם ; װַייל דֶער פֶערְד װֵייס שׁוֹין אַלֵיין דִיא װֶעג : הַיינְט װָאצוּ דַארְף עֶר פָארְט דִיא לֵייצָעם ?
123 װֶער קָאן דָאס אִיבֶּער לֶעזִין ?

אתזומאענניזיאאלרלעעבזיעאן.
אניהזעאטלשערסעלפיאימרצט.

ז אַנְטְװָארְטֶען אויף דִיא רֶעטְזֶעלְהַאפְטֶע פְרַאגֶען.

1 זַיין גְלַייכִין :
2 אִיהרֶע אֵייגֶענֶע.
3 דִיא בָּארְד ; װַייל דִיא צִיג אִיז דָאךְ בַּאשַׁאפִין גֶיװָארֶען פְרִיעֶר אַז דֶער מֶענְשׁ :
4 הַיינְטִיגֶער טָאג.
5 אַז זִיא אִיז אֵיינֶע ; װָארוּם אַז עֶם װֶעלִין זַיין עֶטְלִיכֶע, װֶעלִין זַייא שׁוֹין זַיין פוּקְסִין.

6 כְּלֵי-זְמָרִים ;

7 מִיא דַארְף זַייא בֵּיידִין אוּנְטֶער שְׁמִירֶען .

8 אַז מֶען עֶסְט זַייא ;

9 טְרִיפְוַואקְס (שׁוּרְגוּטְס)

10 דֶער שַׁאטְטִין (Тѣнь).

11 קֶעפְּלֶעךְ פוּן שְׁפִּילְקֶעס .

12 עֶס אִיז אַלִיגֶען ;

13 אוּם צוּ וַוייזֶען אַז עֶר קָאן אוּים וַויינִיג *)

14 אִין קַיין עֶרְד ; וַוייל אוּמֶעטוּם זַייעט נָאר סֶעמֶענֶעס פוּן רִיבִּין .

15 אַלֶע מֶענְשִׁין וֶועלְכֶע עֶרְפִינֶען זִיךְ נָאךְ לֶעבֶּענְדִיג אוּיף דֶער עֶרְד .

16 אָרֶעמֶע מֶענְשֶׁען .

17 דֶער מוּיל .

18 אוּיף דֶעם צוּנְג ;

---

*) אמאהל האט איינער געזאגט : דאךְ האט ער אשווערין זכרון , אונ ווייס ניט וואס עס שטעהעט אין בני אדם . (רעטעניסע) דער

19 דֶער מֶענְש ; וָוארוּם קְלֵיינֶער הֵייט פוּיזֶעט עֶר אוֹיף אַלֶע פִיער אִין מִיטְטֶעלֶער ווּאוּקְס גֶעהט עֶר אוֹיף צְווֵייא פִּים . אוּנ צוּ דֶער עֶלְטֶער גֶעהט עֶר מִיט אַיין שְׁטֶעקל . ד. ה. אוֹיף דְרַייא פִּים .

20 דֶעם שַׁאטְטִין .

21 דָאס אָפְּקְלַאנְג (Эxo) .

22 דֶעם שַׁאטְטִין .

23 אַ בְּלוּם .

24 אַגְלָאק .

25 אַצִיבֶּעלֶע .

26 אוֹיף דִיא גֶעאָגְרַאפִישֶׁע קַארְטֶען .

27 דִיא מִינְצֶען (מַטְבֵּעֶה ס) ; ד. ה. דָאס גֶעלְט .

28 בְּלֶעמְם .

29 אוֹיף דָאס גֶעלְט .

30 דֶעם אָהֶער (Уxo) .

31 דִיא וֶועכְטֶער ; וַוייל זַייא פְרֶעגִין מֶער נִיט — קְדָא אִידְאָט וֶוער גֶעהט ?

32 דִי מֶענְשִׁין וֶועלְכֶע וָואהנֶען אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶין גָארִין (עֶטַאז) .

33 פוּן אַפְּלַייא *) .

34 אָפּ צוּ שְׁפָּאטִין , אוּנ צוּ בֶּערַיידִין דֶעם צְוַויטִין .

35 אוֹיף דָאס פִינְסְטֶערְנִים **) .

36 דִיא טְרֶערִין פוּן אַפְּרוֹיעֶן צִימֶער .

37 הָאפְנוּנְג :

38 בְּעֵת עֶר שְׁוַויגְט .

39 עֶס עֶלְטֶערְט זִיךְ (עֶס וֶוערְט עֶלְטֶער) .

40 דִיא שְׁלַיים פוּן נָאז *) .

41 דִיא פִיר פִים פוּן אַטִישׁ .

42 דִיא בָּארְד .

43 דֶער קַארְגֶער מַאן .

44 לוֹיטְס וַוייבּ .

---

*) דיא פרויען , בעפאר זייא חאפין אפלייא , לעקין זייא דיא פינגער .

**) בעת מען מאכט פעסט דיא אויגען זעהעט מען דאן דאס פינשטערנים .

*) דער רייכער מאן שנייצט אוים דעם נאז אין זיין טיכיל .

45 אין דיא פַּאבָּעלְלֶען . (Басни)

46 ווֶעלְכֶער קָאן זָאגִין אִיבֶּער זַיין לֵיידֶענְשַׁאפְט (תַּאֲוָה) .

47 דֶער נָאל , (0) .

48 דֶער מֶענְטְשׁ .

49 צוּ שְׁווַייגִין אִין צָארִין .

50 אַיין אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּענֶער קַאמֶעַראד .

51 פִינְף פִינְגֶער .

52 אַפְלֵייא , (Блоха) ;

53 דיא אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶענֶע צַייט .

54 וַויין . פוּן וַויינְטְרוֹיבִּין ;

55 דֶער דָארִין , ווֶעלְכֶען מרע"ה הָאט גִיזֶעהֶען **) ;

56 דֶעם גְרוּנְד פוּן יַם , בְּעֵת מרע"ה הָאט אִיבֶּער גֶעהַאקְט דֶעם יַם , בְּעֵת יְצִיאַת מִצְרַיִם .

57 דִיא שְׁטוּלִין .

58 אַ בְּלָאז זַאק .

**) וירא ורנה הסנה בֹער באש והסנה איננו אֻכל (שמות ג׳ ב׳) .

(רעטעניסע) אין

59 אין אַ קעלער.

60 זאַלץ.

61 פון וואַסער. אייז.

62 מיט איין טעם, (ט).

63 דער יאהר.

64 אַ ציבעללע.

65 דיא בוכשטאַבין פון דעם אַלפאַ-בית.

66 דער אָפּ לאַכער.

67 דער וועלכער האט אַגוטען כאַראַקטער. און האט קיינע שולדין (חובות).

68 וואַהרע טרעהרין.

69 הבל׳ס.

70 דער פייער מיט דעם רויך.

71 אין דעם ערשטין גייען דיא טראַנטעס אַליין, און אין דער לעצטער מוז מען זייא טראַגין.

72 דאס געווענדט.

73 דער טאָג.

74 צום צודעקין דעם קאָפּף.

75 דער טייוועל; ווייל ער האט געוואָהלט זיין ערגליך צוא גאָט.

76 בעת קין האט געטיידט הבלן.

77 דער מעער (ים), דיא טייכען.

78 דִיא פִישֶׁע; וַוייל אִין קַאסְטִין זִינְד נָאר גִיוֶועזִין דִיא לֶעבֶּענְדִיגֶע זַאכֶן וֶועלְכֶע זַיינֶען אויף דֶער עֶרְד. אוּנ דִיא פִישׁ זִינְד אִין וַואסְסֶער.
79 פְרֶעמְדֶע.
80 קוילִין (угольл).
81 אַשְׁפִּיגְל.
82 פוּן אַיין קֶעמִיל.
83 אַיין אוּהר.
84 דָאס גֶעלְט.
85 אַ בֶּעזִים.
86 אַיין דוּנֶער.
87 אָן קְרָאפֶּעוֶוע.
88 אַיין אוּשַׁאט. (אַיין עֶמְמֶער)
89 בְּעֵת עֶר זִיצְט אִין סוּכָּה; בְּעֵת זִיא לִיגְט אִין קִינְפֶּעט; בְּעֵת זֵייא זַיינֶען בַּייא דֶעם צְוֵוייטֶען אִין גֶעסְט; בְּעֵת בַּא זֵייא זַיינֶען אוֹרְחִים:
90 וַוייל זַאלְץ מַאכְט אַפֶּעטִיט צוּם עֶסִין.

91 וַוייל אִין בְּרֵאשִׁית שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז בְּעֵת דֶער שֶׁעפֶּער הָאט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפִין, הָאט עֶר פְרִיעֶר גֶעפְרֶעגְט בַּא אָדָם׳ן וִויא צוּ נֶענֶען (אָנְצוּרוּפִין) אַלֶע חַיּוֹת (אוּם צוּ וִויסְן זַיין קֶענְטֶענִים) נַאכְהֶער הָאט עֶר אִיהם בַּאשַׁאפֶען אַפְּרוּוֶא.

92 ווייל זייא וואלט אוממעגליך זיין צו ראזירען
דיא בארד *)

93 אין פעווראלי ; ווייל אין דעם מאנהייט איז
מער ניט וויא 28 טעג

94 דעם צאהל פון זייערע יאהרין .

95 מיט דעם זעלבען ציל, וואס מען לעגט — שבת
בעת אליכט שמעלצט זיך — ענטקעגין
אחלה...

96 ווייל אגוטין שוועהר איז שווער צו קריגען !
אונ פון אשלעכטין — איז שווער פטור
צו ווערין .

97 פון ברעג .

98 חתונה .

---

*) זייא ריידען שטענדיג .

(רעטעניסע) מיט

99 מִיט אַיין דַאלֶעדְט (ר).

100 אַזוים.

101 וַוייל זִיא וֶועט צוּ גֵיין *).

102 אַכְט יָאהר.

103 ווייל בַּא דָאס עֶרשְׁטֶע בֶּעגְרָאבְּט מֶען אֵיינֶעם, אוּנ בַּא דָאס לֶעצְטֶע — צְווייא...

104 אַטֶעלֶער; אַפּוּפִּיק וֶועלְכִין מֶען קויפְט אִין אַשֵׁיינְק לִיגְט אוּיף אַטֶעלֶער.

105 וַוארֶעם.

106 אִיז זִיא דָאךְ אַזוֹי!

107 כִּי־בָא **).

108 אִין קֶעסֶענֶע.

---

*) אמאהל האט איינער געזאגט: ווייל מיא וועט ניט קאנען קאכין אין איהר קיין פליישיגע טעפ.

**) כי בא סוס פרעה ורכבו וגומ' (בשלח ט"ו. י"ט).

(רעטעניסע) ווייל

109 ווייל אַגַאנְדֶז אִיז שְׁטֶעגְדִיג אִין וַואסְסֶער . . .
אונ אַיין עֶנְדֶעצְקֶע נִיט .

110 אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָה . וָוער וָואלְט דַאן בַּייא
זֵייא גַנְבֶענֶען ?

111 אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָה : וִויא אַזוֹי הָאט עֶר זִיא דָארְט
פֶערְלָארֶען , אַז עֶר טָאר אַהִין נִיט גֵיין ?

112 אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָה : וֶוען פְלֶעגְט מֶען אַהִין
וַוארְפִין דִיא גֶעלְט ?

113 דַאן וָואלְט קֵיינֶער נִיט גִישְׁטָארְבֶּען .

114 דַאן הָאט מֶען נִיט גֶעדַארְפְט הֶערָאפּ נֶעמֶען
דֶעם פָּרוֹכֶת וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז דָאךְ אַזֵכֶר
לְחוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ .

115 לוֹיט .

116 אִיךְ אַלֵיין .

117 בְּעֵת קֵיינֶער קְרֵיינְקְט נִיט . . .

(רֶעטֶעניסֶע) בעת

118 בְּעֵת מֶען גֶעמְט אִיהם אַרָאפּ דֶעם פֶּעל.

119 טְרֵייסִילְט מֶען זִיךְ.

120 אַמֶענְשׁ הָאט אֵיין דָאלְיֶע, אוּנ אַזָארָאטְנִיק 96 דָאלְיֶעם.

121 אִי אַתָּה דָן אֶלָּא כְּאֵין הַפְּרָט *).

122 אוּם אָפּ צוּ קֶערְין פוּן דֶער הֵיים.

123 מֶען דַארְף לֶעזִין דִיא אֵייבֶּערְשְׁטֶע שׁוּרָה אִיבֶּער אֵיין בּוּכְשְׁטַאבּ, אוּנ נַאכְהֶער קֶערִיק אוֹיךְ אַזוֹי אִיבֶּער אֵיין בּוּכְשְׁטַאבּ דָאס גְלַייכִין. דִיא צְווֵייטֶע שׁוּרָה אוֹיךְ אַזוֹי, ווֶעט אוֹיס קוּמֶען: אַז מֶען זָאל לֶעזִין אִיבֶּער אַיין אוֹת, — אִיז עֶם לַייכְט צוּא פַאר שְׁטֵיין:

*) אין ר' ישמעאל אומר וכו'.

נוטצליכע (רעטעניסע)

נוּטְצְלִיכֶע ווִישֶׁענְשַׁאפְטֶען.

וֶועגֶען דֶער נָאז-טִיכְל.

דֶער גֶעגֶענְשְׁטַאנְדְט ד. ה. דִיא נָאז טִיכְל, אָן וֶועלְכֶער מִיא קָאן נִיט אוֹיס קוֹמֶען, דַארְף נִיט זַיין קַיין מָאהל פוּן קַיין בְּלֶענְדֶענְדֶע-קָאלְיָאר (פַארְבּ) אָדֶער אַגֶעקְוֶוייטֶעלְטֶע. ד. ה. אִין קֵיינֶע קְוֵייטִין. אִין הַאנְט הַאלְט מֶען זִיא קֵיין מָאהל נִיט צוּ נוֹיף גֶעלֶעהגְט גְלַאט, נָאר אַלֶע מָאהל אַפַּארְנַאנְדֶער גֶענוּמֶענֶע אוּנְד נָאךְ בֶּעסֶער מִיט אַרָאפְּגֶעהַאנְגֶענֶע בְּרֶעגֶען אַרָאפּ צוּא.

אַגֶעשְׁפְּרֶעךְ פוּן אַיין אוּנְבֶּעלֶעבְּטִין גֶעגֶענְשְׁטַאנְד וָואלְט זַיין אַ-נְ-אוּנְגְלֵייבְּלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג, וֶוען דִיזֶע פֶעהִיגְקֵייט וָואלְט נִיט בֶּעזִיטְצִין דִיא נָאז-טִיכְל, אָט וֶועגִין וָואס אוּנ הִיא זִיא שְׁפְּרֶעכְט:

וֶוען מִיא פִירְט דוּרְךְ מִיט דֶער נָאז טִיכְל אִיבֶּער דִיא לִיפֶּען, בַּדייטֶעט עֶס: אַיין וואוּנְשׁ צוּ בֶּעקָענֶען זִיךְ.

וֶוען מֶען פִירְט דוּרְךְ מִיט אִיהר אוּנְטֶער דִיא אוֹיגֶען אִיךְ בִּין טְרוֹעֶרִיג.

פֶערְלִירֶען אַטִיכְל — מֶען זוּכְט צוּ בֶּעפְרַיינְדֶען

(רעטעניש'ן) זיך

זיך . אום דרעהען די טיכל אין די הענט — גליי־
גיטיגקייט , קאלטבליטיגקייט .

ווען מען פירט אום מיט דער טיכל איבער
דער באק (וואנגע) — איך ליב דיך .

דורך ציהען די טיכל צווישען די פינגער — איך
האסס דיך (איך קאן דיך ניט אנזעהען) .

ווען מיא האלט די טיכל לעבן דער רעכטער
וואנגע — אויף „יא" .

ווען מיא האלט די טיכל לעבן דער לינקער
באק „ניין אדער ניט" .

אומטרעסלען די טיכל אין דער רעכטער
האנד לאזט מיך צו פריעדען .

אומטרפלען די טיכל אין דער לינקער האנד —
איך ליעב אצווייטין .

צוא נויף לעהגין די טיכל — איך וויל שפרעכן
מיט אייך ;

אומוואורפין מיט דער טיכל איבער דער שול־
טער (פלייצע) — געהט מיר נאך .

ווען מיא האלט די טיכל פיר צוויי
ענטקעגענדיגע עקין — ווארט אויף מיר .

ווען מיא פירט מיט דער טיכל איבער דעם
שטערין איהר האט זיך גאר אומגיענדערט .

הַאלְטִין דִיא טִיכְל לֶעבְּן דֶעם רֶעכְטִין אָהֶער—
אִיךְ הָאבּ צוּ אִיהְנֶען נָאכְבְּרִיכְטֶען.

צוּ לֵייגִין דִיא טִיכְל צוּ דִיא אוֹיגִין — אִיהר זַייט גְרוֹיזַאם.

אָנְווִיקְלֶען דִיא טִיכְל אוֹיף דֶעם צֵייכְן אָדֶער אָנְווַייזֶענְדֶען פִינְגֶער — אִיךְ בִּין פֶערְלָאבְּט.

אָנְווִיקְלֶען דִיא טִיכְל אוֹיף דֶעם מִיטֶעלְסְטֶען פִינְגֶער — אִיךְ בִּין פֶער הֵייַראטְהֶעט.

אַנַייעֶ פְּרָאפְהֶעצַייהֶע (פָּאהְרְזָאג) וֶועגִין דֶער וֶועלְט אוּמְקוּמְמוּנְג *).

רוּדָאלְף פַאלִיבּ — אַגֶעווִיסְסֶער פְּרָאפֶעסְסָאר— אִין זַיין לֶעקְצִיעֶ ווֶעלְכֶע עֶר הָאט גִילָאזִין אִין לַייפְּצִיג— „וֶועגִין דִיא בֶּעגֶעבֶּענְהַייטֶע, אוּנְד עֶנדעֶ דֶער וֶועלְט". הָאט אַרוֹיס גֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, אַז אוּנְזֶער עֶרְד דראהעט

---

*) זעה אין דעם שזורנאל Вѣстникъ иностраной литературы פֿון 1894 טען יאהר פיר די מאנהייט יאנוואר, זייטע 241.
(רעטעניסען)

דְרָאהֶעט אַ גְרוֹיסֶע גֶעפַאהר, פוּן װֶעלְכֶען דֶער קָאמֶעטֶע, װֶעלְכֶע מִיא הָאט עֶנְטְדֶעקְט אִין דֶעם 1866 טֶען יָאהר, װֶעלְכֶער עֶהנְלִיךְ וִויא אַיין װֶעלְכֶער עֶס אִיז רֶעװָאלְיֶעטְיַאנֶער-טְרָאגְט-זִיךְ אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט, נִיט אַכְטֶענְד קֵיינֶע בֶּעשְׁטִימְמֶענְגֶען פוּן דֶער אוּנְרִיכְטוּנְג, נִיט אוּנְטֶער גֶעבֶּענְד זִיךְ קֵיינֶע גֶעזֶעטְצֶע (דִינִים).

אִין דֶעם 1899 טָען יָאהר װֶעט דִיא זֶעלְבֶּע קָאמֶעטָא (שְׁטֶערִין) פוּן דָאס נַיי עֶרְשַׁיינֶען, אוּנ נָאךְ דִיא אַסְטְרָאנָאמִישֶׁע בֶּעאָבְּאַכְטוּנְגֶען, דַארְף זִיא זִיךְ (דִיא קָאמֶעטֶע) אָנְטְרֶעפִין מִיט דֶער עֶרְד.

וִויא פָּאלִיבּ הָאט אוֹיס גֶערֶעכְנֶט, װֶעט אוֹיס קוּמֶען דֶער טָאג פוּן דֶער װֶעלְט עֶנְדֶע דֶער 13 טֶער נַאיַאבֶּר 1899 טֶען יָאהר אַסְרָאק, װֶעלְכֶער קָאן זִיךְ אָפּ צִיהֶען מֶער נִיט וִויא אוֹיף צְװֵייא דְרַיי טֶעג. װֶען אָבֶּער דִיא אָנְטְרֶעפוּנְג װֶעט נִיט הֶערוֹיס רוּפִין קַיין קַאטָאסְטְרָאפֶע (אַגְרוֹיזַאמֶע טְרֶעפוּנְג) װֶעלִין. מִיר וִויא פָּאלִיבּ בֶּעהוֹיפְּטֶעט זַיין דִיא צַייגֶער פוּן אַזַא עֶרְשַׁיינוּנְג דֶער נַאטוּר, װֶעלְכֶע עֶס אִיז נָאךְ קַיין מָאהל נִיט גֶעװֶעזִין: הֶער אָבְּפַאלֶענְדֶע שְׁטֶערִין װֶעלִין זִיךְ אַשָׁאט טוּהֶען פוּנְקְט וִויא קָאמְקֶעס שְׁנֶעה, אוּנְד דָאס װֶעט זַיין פִּינְקְטְלִיךְ אִין פֶּערְלוֹיף פוּן דֶעם

13—15 טֶען נָאיַאבֶּר 1899 טֶען יָאהר, פוּן דֶער 2—5 שְׁטוּנְדֶע פוּן פְרִיא מָארְגִין .

דִיא סִימְבָּאלִישֶׁע *) בַּדייטוּנְג פוּן דִיא קָאלָיאָרֶן .

דֶער רֵייטֶער פַארְבּ (קָאלְיָאר) בֶּעדַייטֶעט : לִיעבֶּע מֶעכְטִיגְקֵייט .

דֶער אַרָאנְשְׁזֶעוֶוער אָדֶער גֶעלְבּ רֵייטֶער קָאלָאר פֶּערְדַאכְט .

דֶער גֶעלְבֶּער — לִיגֶענְד ; הֶעאוּכְלֶעאִי , פַאלְשְׁהַייט אָדֶער פֶערְשְׁטֶעלְטְקֵייט , אֵייפֶערְזוּכְט (Ревность) .

דֶער קַארִיצְנֶעוֶוער אָדֶער בְּרָאנְזֶעוֶוער — רֶעמוּטְהִיגְקֵייט .

דער

---

*) סימבאל , הייסט : אילדליכער צייכן אדער אנלייכעניס : בדרך משל : אביישפיל . (רעטעניסען)

דֶער גְרִינֶער — הָאפְנוּנְג , זִיעֶג (Побѣда) .

דֶער הֶעלְלֶער אוּנ טוּנְקֶל בְּלָאעֶר — וַואהְרְהַייט אַרְבֵּייטְשַׁאפְט , רִיכְטִיגְקֵייט , אוּנ ווִישֶׁענְשַׁאפְט .

דֶער פִּיאַלְטֶעוִויעֶר אַיין לִילֶעוֶוער — פְּרַיינְט-שַׁאפְט , עֶרְאֵייגְנִיסֶע , בֶּעשְׁטֶענְדִיגְהַייט .

דֶער פּוּרְפּוּרְאָווֶער — הֶערְלִיכְקֵייט , מֶעכְטִיג-קֵייט , אַכְטוּנְג .

דֶער רָאזֶעוֶוער — יוּנְגְקַייט , לִיעבֶּע אוּנ צַארְטְהַייט ;

דֶער שְׁוַוארְצֶער — טְרַאוּיעֶר .

דֶער וַוייסֶער — גְלִיק פְּרֵייד — צוּ פְרִידֶענְהַייט , אוּנְשׁוּלְדִיגְקֵייט , רֵיינְהַייט , אָפֶענְטְלִיכְהַייט .

דֶער שֶׁערֶער — הָאפֶענוּנְג , אוּנ רוּהִיגְקֵייט .

ע נ ד ע